**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 1.8 מיליאן דאלאר אין גרענטס געשאנקען פאר ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן בשותפות מיט סטעיט פארקס, טרעילס, היסטארישע ערטער און פובליק שטחים**

***העכסטע סומע אין פריוואטע און פובליק פינאנצירונג אוועקגעלייגט צו שטיצן 28 פראיעקטן אריבער ניו יארק אין היסטאריע פון דעם פראגראם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 1.8 מיליאן דאלאר אין גרענטס צו שטיצן 28 נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס וועלכע זענען פארמישט אין די פארוואלטונג פון סטעיט פארקס, טרעילס, היסטארישע ערטער און פובליק שטחים, די העכסטע סומע צו געשאנקען ווערן אין די היסטאריע פון דעם פארקס און טרעיל שותפות גרענטס (Park and Trail Partnership Grants) פראגראם. די גרענטס שטיצן געמיינזאמע באמיאונגען מיט שותפות'דיגע קערפערשאפטן צו אויפטרייבן פריוואטע געלטער פאר אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן, צו אונטערנעמען אויפהאלטונג און פארשענערונג פראיעקטן, צושטעלן חינוך'דיגע פראגראמען און אפהאלטן ספעציעלע געשעענישן וועלכע דינען אלץ פארשפרייטן די פובליק באנוץ פון די פארקס.

"מיר זענען שטאלץ צו שטיצן די ארבעט פון די אויסגעצייכנטע שותפות'דיגע ארגאניזאציעס וועלכע קומען ארויס פון די קאמיוניטיס און פארשטערקערן די פארוואלטונג און פראגראמען פון אונזערע סטעיט פּארקס, היסטארישע ערטער, טרעילס און פובליק שטחים," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די גרעסטע אינוועסטירונג אין די היסטאריע פון דעם פארקס און טרעיל שותפות גרענטס פראגראם, שיקט ניו יארק סטעיט א מעסעדזש אז מיר זענען פולשטענדיג פארפליכטעט צו באשיצן און פינאנצירן אונזערע פובליק שטחים אזוי ווי מיר זעצן פאר זיך ארויסצולאזן אויף לאנד'ס-פירנדע קלימאט שטאנדהאפטיגקייט אינציאטיוון."

די פּארקס און טרעיל שותפות גרענטס פראגראם ווערט פינאנצירט דורך די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund). גרענטס ווערן אדמיניסטרירט אין שותפות מיט דער נאנפראפיט גרופע פארקס ענד טרעילס ניו יארק. די אכטע רונדע פון גרענטס וועלן באקומען 'מעטשינג פאָנדס' פון איבער $625,000 פון פריוואטע מקורות. די פראיעקטן וועלכע באקומען געלט מוזן אויפטרייבן געלטער פון דרויסנדיגע מקורות פאר צום ווייניגסטנס 10 פראצענט פון די גרענט סומע וואס זיי באקומען.

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס קאמישאנער, עריק קולעסעיד, האט געזאגט,** "די סטעיט פארקס אפיס איז אזוי מזל'דיג צו האבן געוואלדיגע שותפים אין גאווערנער האקול, פּארקס און טרעילס - ניו יארק (Parks & Trails New York) און די צאללאזע שטיצנדע גרופעס און וואלונטירן וועלכע העלפן פארזיכערן די הצלחה פון די סערוויסעס וואס מיר אפפערן פאר די פובליק. איך קוק ארויס צו זעהן וויאזוי די היסטארישע אינוועסטירונג פון 1.8 מיליאן דאלאר וועט העלפן מער ניו יארקער צו צוקומען צו- און זיך פארבינדן מיט- אונזער וואונדערבארע נאטורליכע און היסטארישע אוצרות."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "די נאטורליכע שיינקייט און כאראקטער פון ניו יארק'ס לענדער ציהען צו מיליאנען באזיכער יעדעס יאר, און די שטיצע פון אונזערע פארוואלטונג שותפים איז קריטיש פאר די אנגייענדע באדערפעניש צו אויפהאלטן און אפהיטן די שטחים, און אזוי אויך איינריכטונגען ווי די ענווייראמענטאלע אויפקלערונג צענטערן. די היינטיגע באדייטנדע גרענט פינאנצירונג אנערקענט די קריטישע ראלעס וואס די שותפים שפילן אין די פארמעגנס פון די DEC און אנדערע פובליק אוצרות, און מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס אנגייענדע אינוועסטירונגען צו העלפן צושטעלן ווענטליכע סערוויסעס צו מאכן די דרויסנדיגע שטחים מער צוגענגליך פאר באזיכער צו געניסן יעצט און אריין אין די צוקונפט."

**פארקס און טרעילס - ניו יארק עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פאול סטילי ווייט, האט געזאגט,** "די גרענטס זענען ווי רייכע ארגאנישע פערטילייזער צו פלעגן די קאמיוניטי באוועגונג צו פארבעסערן ניו יארק'ס פארקס, טרעילס, היסטארישע ערטער און פובליק שטחים. צוגענגליכע קאיאק שיפלעך ראמפעס, בריק פאררעכטונגען, סטראטעגישע פלאנירונג און חינוך פאר יונגווארג זענען בלויז עטליכע ביישפילן פון די ניי-פינאנצירטע פראיעקטן וועלכע וועלן ברענגען נאך מער נאטור און מער פרייד צו מער ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר האָוזעי מ. סערענאָו האט געזאגט,** "אונזערע סטעיט פארקס זענען א גאר-נויטיגע פארמעגן פאר קאמיוניטיס אריבער די סטעיט. די אוצר וואלט נישט מעגליך געווען אן די פעלזן-פעסטע שטיצע און פארוואלטונג פון קאמיוניטי ארגאניזאציעס און שטיצנדע גרופעס וועלכע פירן דורך די קריטישע אויפהאלטונג, פארשענערונג און אפהיטונג ארבעט פאר זייער אנגייענדע באנוץ. די היי-יאריגע פינאנצירונג אנאנס וועט צושטעלן פאר 28 נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס א פרעצעדענטלאזע סומע פון 1.8 מיליאן דאלאר אין גרענטס. פילן דאנק פאר די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation), פאר פארקס און טרעילס - ניו יארק און פאר גאווערנער האקול פאר זייער ארבעט אויף די אנגעלגנהייט."

**אסעמבלי מיטגליד דעניעל אָודאַנעל האט געזאגט,** "פארקס און פובליק שטחים זענען קריטיש צו די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע ניו יארקער. אלץ פארזיצער פון די אסעמבלי קאמיטע וואס איז אחריות פאר די אויפזיכט אויף סטעיט פארקס, בין איך פולשטענדיג פארפליכטעט צו פארזיכערן אז אונזערע פארקס בליהען און אז זיי זענען צוגענגליך פאר יעדן. איך בין גאר באגייסטערט מיט די היסטארישע אינוועסטירונג וואס וועט ערלויבן פאר וואונדערבארע און איינפלוסרייכע קאמיוניטי ארגאניזאציעס זיך צו ווייטער פארברייטערן און צו באשיצן און פארשפרייטן די באנוץ מיט אפענע שטחים פאר די יעצטיגע באניצער און פאר צוקונפטיגע דורות."

קערפערשאפטן צו באקומען גרענטס אין 2023 רעכענען אריין:

**הויפטשטאט ראיאן**

- Friends of Johnson Hall ($27,585) צו דעוועלאפּען אן עפּ וואס וועט באריייכערן די טראדיציאנאלע פיזישע טור אריבער די היסטארישן הויז, ערלויבנדיג באזיכער מיט אדער אן פארשידענע דיסאביליטיס און פון פארשידענע קולטורן צו פארשטיין די ערקלערונגען.
- Friends of U.S. Grant Cottage ($36,000) פאר די דעזיין און אינדזשענירונג פון א טרעיל וואס וועט צושטעלן א צוגענגליכע וועג פאר פיסגייער צו די מזרח זייט איבערבליק פאר באזיכער מיט פיזישע באגרעניצונגען.
- Lake George Battlefield Park (Fort George) Alliance ($50,000) צו אויפנעמען א מיטגליד סערוויסעס מענעדזשער צו פארשפרייטן באקאנטשאפט מיט די פארק דורך מארקעטינג, פאַנדרעיזינג און אפעראציע פון א נייע באזיכער צענטער.

**צענטראלע ניו יארק**

- Chittenango Landing Canal Boat Museum ($146,250) צו פארררעכטן די דרויסנדיגע און אינעווייניגע חלקים פון די 1990 נאכגעמאכטע ערי קאנאל-עפאכע געשעפט צו צושטעלן גאנציאריגע באנוץ מיט די נייע פראגראמען ערטער וואס קומען נאך ADA צוגענגליכקייט סטאנדארטן.
- Friends of Fillmore Glen State Park ($4,000) צו אויפנעמען א קאנסאָלטינג פירמע צו אפשאצן און דעזיינען ערזאץ אפציעס פאר די אפט-באנוצטע שטיינערנע טרעפ וואס איז אריגינעל געקומען מיט די פלאץ צו צושטעלן דירעקטע צוטריט צו פלעצער אין די פּארק.

**פינגער לעיקס**

- Friends of Hamlin Beach State Park ($29,118) צו פארבעסערן אריינגעמיגע פארוויילונג צוטריט צו די 'עיריע 3' ברעג דורכן אינסטאלירן Mobi Mats נישט-גליטשיגע טעפעכער און דורכן צושטעלן שוועבנדע ברעג בענקלעך.
- Friends of Letchworth State Park ($8,000) פאר פלענער צו מאדערניזירן צוטריט צו דריי פיקניק שעלטערס און איין באקוועמליכקייט סטאנציע אין די פארק צו בעסער דינען פארק באזיכער מיט פיזישע באגרעניצונגען.

**לאנג איילענד**

- Planting Fields Foundation ($108,129) צו רענאווירן און אינסטאלירן אויסגעפלאסטערטע וועגן וואס קומען נאך ADA צוגענגליכקייט סטאנדארטן צו פארמערן צוגענגליכקייט, פיסגייער זיכערהייט און צו פירן געסט צו מערקווירדיגע פלעצער אין די פּארק.
- Caumsett Foundation, Inc. ($55,500) פאר א שטודיע צו איבערקוקן די מעגליכקייטן צו פארררעכטן צוויי אויסגעפלאסטערטע וועגן מיט זיכערהייט פראבלעמען, פארבעסערן אומשטענדן פאר ארטיגע ווילדע באשעפענישן און אויפשטעלן א חינוך'דיגע אויסשטעלונג פלאץ.
- Friends of Jones Beach ($10,025) צו אויפשטעלן אינציאטיוו צו העלפן פארגרעסערן די ארגאניזירונג מעגליכקייטן פאר די נארוואס אויפגעשטעלטע סטעיט פּארק שטיצנדע גרופע.
- Atlantic Marine Conservation Society ($26,145) פאר א 'לערן איבער מיטאג מאלצייט' סעריע צו טרענירן ניו יארק סטעיט פארק איינגעשטעלטע, לייף גאַרדס און מחנכים איבער די ריכטיגע פראצעדורן וויאזוי צו באהאנדלען ים באשעפענישן וועלכע ווערן ארויפגעשוואנקען אויפן ברעג.

**מיטל-האדסאן**

- Calvert Vaux Preservation Alliance ($150,000) צו פארררעכטן, איבערמאכן די דעק און אינסטאלירן זיכערהייט ווענט אויף די 1912 וואָרען טראָס בריק — אן אריינגאנג צו די מילס-נאָרי סטעיט פּארק און די האדסאן ריווער.
- Friends of Philipse Manor Hall ($48,100) פאר א מארקעטינג/מעמבערשיפּ קאמפיין און די אנטוויקלונג פון געציהלטע פראגראמען צו פארמערן באזוכן צו די רענאווירטע און מאדערניזירטע היסטארישע ארט.
- Friends of Rockland Lake and Hook Mountain ($100,000) צו צולייגן נאך צוויי חינוך'דיגע פראגראמען וועלכע וועלן פארברייטערן די ארבעט מיט יונגע מענטשן פון גרופעס וועלכע קומען דערוייל ווייניגער אן צו די פּארקס.
- Jay Heritage Center ($150,000) פאר די קאנסטרוקציע פון אויסגעפלאסטערטע וועגן וואס קומען נאך ADA צוגענגליכקייט סטאנדארטן אין די היסטארישע Jay Gardens, ערלויבנדיג פאר א גרעסערע צאל באזיכער און שותפים צו געניסן פון די אויסגעצייכנטע גערטנער און געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט פראגראמען.

- Mamakating Environmental Education Center/Friends of MEEC ($51,300) צו אוועקשטעלן נאך פראגראמען ביי די Bashakill Wildlife Management Area וואס וועט העלפן מאכן אן אליאנס מיט אנדערע גרופעס און פארגרעסערן די מיטארבעט מיט ברייטערע קאמיוניטיס.
- Morgan Duke Conservation Society ($5,789) צו ארגאניזירן אנגייענדע קאמיוניטי רייניגונג געשעענישן ביי די האדסאן ריווער ספעציעלע מענעדזשמענט פלאץ און צו מוטיגן בירגער און קאלעדזש סטודענטן צו ווערן לאנג-טערמיניגע וואלונטירן.
- Palisades Parks Conservancy ($150,000) צו אויפנעמען א פראגראם מענעדזשער וואס וועט אנטוויקלען בעסערע קשרים מיט די קאמיוניטי און זיי ברענגען צו אקטיוויטעטן, צו פארבעסערן מארקעטינג און ברענדינג און איינפירן DEIA איניציאטיוון אין די פאליסעידס ראיאן סטעיט פארקס.
- Stony Kill Foundation Inc. ($150,000) צו אונטערנעמען א וועזנטליכע רענאוואציע פון די איינגעפלאנצטע הויף און אגריקולטורישע לערנען פלאץ וואס איז א צענטער פאר פובליק פראגראמען און חינוך פאר יונגווארג ביי די סטאָוני קיל פארם.

**New York City**

- Friends of Gantry Plaza State Park ($25,011) פאר טישן און שירעמעס וועלכע וועלן צושטעלן נאך זיצן און באקוועמליכקייט אונטער שאטן צו אדרעסירן די פארק'ס פארגרעסערטע צאל באזיכער.

**צפון קאנטרי**

- Friends of Higley Flow State Park ($45,966) צו איינקויפן אן ADA-צוגענגליכע קאַיאַק שיפלער ראמפע און א שמאלע בריק צו ארויפגיין אויף די שיפלער צו אינסטאלירט ווערן אין צוזאמענארבעט צווישן וואלונטירן און פארק איינגעשטעלטע.
- John Brown Lives! ($150,000) צו אוועקשטעלן אן עקזעקיוטיוו דירעקטאר פאזיציע וואס וועט העלפן מאכן די ארגאניזאציע מער פראפעסיאנאל און סטאביל און אזוי אויך איר אנגייענדע פאזיטיווע השפעה פאר די דזשאַן בראַון סטעיט היסטארישע פלאץ.

**מערב ניו יארק**

- Artpark & Company, Inc. ($100,000) צו אויפנעמען א חינוך, איבערזעצונג און צוגענגליכקייט דירעקטאר וואס וועט ארגאניזירן גאנציאריגע חינוך'דיגע און מיטארבעט אקטיוויטעטן, אויפשטעלן נייע פראגראמען און ארבעטן בשותפות מיט די NYS פארקס אפיס אויף ענווייראמענטאלע אויפקלערונג און קאמיוניטי מיטארבעט.
- Chautauqua County Equestrian Trail System ($68,000) צו אנטוויקלען א סטראטעגישע פלאן פאר עטליכע יאר וואס וועט זיך קאנצענטרירן אויף מארקעטינג, אויפטרייבן געלט און וואלונטיר שטיצע צו פארברייטערן די פארשידנארטיגקייט פון טרעיל באניצער און פארברייטערן און פארשטערקערן שותפות'ן.
- Friends of Knox Farm State Park ($75,000) צו רענאווירן די Mansion Summer Estate פאלאץ — אן אייגנארטיגע חתונה און אוונט זאל אנגעפירט דורך The Friends גרופע.
- Friends of Reinstein Nature Preserve ($10,581) צו אויפבויען א סטרוקטור צו באשיצן און באפעסטיגן די וואלד פאר די ארטיגע ווילדע באשעפענישן און אזוי אויך צו פארבעסערן פובליק צוטריט און אויפקלערונג אין פארבינדונג מיט די סיסטעמען פון ווילדע באשעפענישן אין די וואלד.
- IMPACT: Friends Improving Allegany County Trails ($7,396) צו ערזעצן א 30-פיסיגע בריק וואס וועט אויפגעבויט ווערן בשותפות מיט די אלפרעד סטעיט קאלעדזש און מיט די DEC

און צו אינסטאלירן צוויי מאשינען וואס ציילן וויפיל מענטשן גייען אויפן טרעיל צו זאמלען אינפארמאציע איבער דערנעבנדע טרעילס.
- Old Fort Niagara Association ($12,103) צו אויפשטעלן א פלאץ פאר ביציקליסטן זיך צו אפשטעלן און זיך אפרוהען אויפן ניאגארא גרינוועי ביציקל טרעיל אין אָלד פאָרט ניאגארא סטעיט פארק.

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 שטעלט צו 2 מיליאן דאלאר פאר די קומענדיגע רונדע פון דעם פארק און טרעיל שותפות גרענט געלטער אלץ טייל פון א רעקארד-הויכע סומע פון 400 מיליאן דאלאר וואס איז ארייגעלייגט געווארן אין די ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע צו שטיצן קלימאט טויש סכנה-פארמינערונג און צופאסונג באמיאונגען, פארבעסערן אגריקולטורישע מיטלען וועלכע שטופן פאר ענווייראנמענט-פריינטליכע אגריקולטור, באשיצן אונזערע וואסער קוועלער, פאראויס שטופן אפהיטונג באמיאונגען און צושטעלן פארוויילונג געלעגנהייטן פאר ניו יארקער. אין צוגאב האט די בודזשעט אריינגערעכנט 200 מיליאן דאלאר פאר די סטעיט פארקס אפיס פאר אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן. די באדייטנדע סומע פון פינאנצירונג וועט העלפן די אנגייענדע טראנספארמאציע פון ניו יארק'ס בארימטע פארקס, און עס וועט שטיצן קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די פארק סיסטעם.

פארקס ענד טרעילס ניו יארק איז דער פירנדע סטעיט-ברייטער אדוואקאט פאר ניו יארק׳ס פארקס און טרעילס, וועלכע ארבעט שוין 35 יאר מיט גרעסרוטס גרופעס צו פארשטערקערן פובליק-פריוואטע שותפות׳ען און פארבעסערן ניו יארקערס געזונט, עקאנאמיע, און לעבנס-קוואליטעט דורך דאס באניץ און פארגעניגן פון נאטור ערטער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.ptny.org.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן